בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

ראש השנה תשפ"ג

יו"ל ראש השנה תשפ"ד



# נתנדב לזכר נשמת
# רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

דברי
## רבינו ראש הישיבה שליט"א
ראש השנה תשפ"ג

**די** דינים פון תקיעת שופר לערנען מיר ארויס פון אֵם סיסרא - אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (שופטים ה, כח) 'ותיבב אם סיסרא', און די גמרא (ר"ה לג:) לערנט דערפון ארויס אז א 'תרועה' הייסט 'יבבא' - אן אויסדרוק פון ווייטאג, און די ראשונים (עי' תוס' שם) שרייבען אז מען בלאזט הונדערט קולות אנטקעגען די הונדערט פעיות וואס אֵם סיסרא האט געקלאגט אויף איר זוהן וואס האט זיך פארזוימט פון קומען. און מ'דארף דאס צו פארשטיין וואס פאר א שייכות איז דא צווישען די הייליגע תקיעות אין יום הדין, צו די געוויין פון א גויה. נאך דארף מען צו פארשטיין דאס מען מען פירט זיך אז נאכדעם וואס מען בלאזט תקיעות דמיושב, און תקיעות דמעומד - אויפ'ן סדר התפלה, און תקיעות ביי חזרת הש"ץ, בלאזט מען נאך צעהן קולות ביי קדיש פאר תתקבל, וואס איז דאס באדייט פון די תקיעות, נאך דערצו וואס בלאזט זיי אינמיטען קדיש.

**נאר** די תקיעות קומען באטאנען דאס אונטערשיט צווישען די יודען מיט די אנדערע פעלקער - אֵם סיסרא. ווייל די מאמע פון סיסרא איז נישט געבליבען מיט איהר געוויין און מיט אירע טרערען, אזוי וויא ס'שטייט געשילדערט אין פסוק (שופטים שם, כט-ל) אז מען האט איהר געטרייסט און מען האט איהר צוגעזאגט אז איהר זוהן סיסרא האלט זיך אויף אינטער וועגענ'ס און ער וועט שוין צוריק קומען מיט א פארמעגען און אנדערע תאוות אזוי וויא ס'שטייט דארט אין פסוק, און מיט דעם האט זי זיך באריאוגט פון דאס געוויין - ווייל זי האט זיך געלאזט איבער רעדען צו גלייבען וואס זיי האבען געזאגט.

**אבער** אונז יודען זאגען, **רבונו של עולם! דאס געוויין און די שטרעבונג פון אונזערע זעהל און די נשמה וואס מיר האבען, ווערט נישט געזעטיגט און נישט רוהיג נאר מיט איין זאך אליינט: יתגדל ויתקדש שמיה רבא! דאס אנטפלעקונג פון דיין מלכות.** און דערפאר ביים סוף דאווענען בלאזען מיר צעהן קולות - משלים צו זיין די מאה קולות, נאך אלע תפלות און בקשות, דייקא אינמיטען

קדיש - נאכדעם וואס מיר האבען געזאגט יתגדל ויתקדש שמיה רבא, און מיר האבען געבעטען אויף מלכותו ית"ש, דעמאלט קענען מיר ענדיגען די מאה קולות, נאר דאס וועט באשטילען אונזערע יבבות, מיר טרייסען זיך נישט מיט דעם וואס עס ווערט ערפילט אונזערע גשמיות'דיגע בקשות, נאר מיט'ן אנטפלעקונג פון כבוד מלכותו ית"ש, ווייל דאס איז די אמת'דיגע ווילען פון יעדער יודישע זעהל.

**קען** זיין אז ארום און ארום בעט מען אויף אנדערע זאכען - אויסער פונדעם וואס מיר בעטען אויף מלכות ה', אבער מיר נעמען אן (או"ח סי' תקפו סעיף טז) 'שופר שציפהו זהב', אויס ס'איז נישט 'במקום הנחת הפה', איז די תקיעה א כשר'ע תקיעה, 'הנחת פה' הייסט דאס פינטעל פון דעם דאווענען, דאס וואס גייט ארויס פון די הארץ, ווען די געבעט פון 'מלוך על כל העולם כולו בכבודך' איז די עיקר געבעט, דעמאלט איז אפילו אויב ציפהו זהב - אז ס'איז ארום גענומען מיט נאך בקשות, איז די תקיעה כשר.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זוכה זיין צו דאווענען און בעטען, און זוכה זיין צו 'מלוך על כל העולם כולו בכבודך' במהרה בימינו אמן.

## קודם התקיעות:

רבונו של עולם! דאס געוויין און די שטרעבונג פון אונזערע זעהל און די נשמה וואס מיר האבען, ווערט נישט געזעטיגט און נישט רוהיג נאר מיט איין זאך אליינט: יתגדל ויתקדש שמיה רבא! דאס אנטפלעקונג פון דיין מלכות.

# יום ב' דראש השנה

**צדיקים** זי"ע האבען געזאגט אז די אור פונעם יו"ט ליגט באהאלטען אינעם מסכת פונעם יו"ט (עי' שם משמואל נצבים תר"פ משמיה דהרה"ק מקאצק זי"ע), און אזוי האבען זיך געפיהרט אנשי מעשה צו לערנען מסכת ראש השנה פאר ראש השנה, על כל פנים כאטש לערנען משניות מסכת ראש השנה. און על פי פשטות זענען די ענינים פון ראש השנה און אירע דינים וואס זענען נוגע צו יו"ט פון ראש השנה, נאר אין די המשך פונעם מסכת, און אין אנהייב מסכתא איז דא די דינים פון חושן משפט, ראש השנה למלכים וואס איז נוגע צו שרייבען שטרות, כדי צו וויסען און מכריע זיין צווישען די בעלי דינים - וויסען וועלכע שטר איז 'מוקדם', און וועלכע שטר איז 'מאוחר', א וואכענדיגע שאלה. אבער באמת 'הילכתא גבירתא' איז דא געזאגט געווארען, און מיר קענען זיך לערנען פון די סוגיא, יסודות וואס זענען נוגע צו ראש השנה וואס איז יום ההמלכה.

**ערשטענ'ס**, דאס וואס ס'שטייט אין די גמרא (ב.) 'למלכים, למאי הלכתא, אמר רב חסדא לשטרות, דתנן שטרי חוב המוקדמין פסולין והמאוחרין כשרין', ווען עס דערוועקט זיך א וויכוח צווישען מענטשען אויף עניני עולם הזה, און יעדער איינער וויל זוכה זיין מיט נאך גשמיות, און יעדער בעל דין טענה'ט שטרי קודם, דארף מען געדענקען אז דער ערשטער וואס האט געזאגט 'שטרי קודם' איז דער רבונו של עולם, אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (בהר כה, מב-נה) 'עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים' - און רש"י ברענגט פון חז"ל 'שטרי קודם', ווייל געוויס האט דער אייבערשטער געוועלטיגט אויפ'ן גאנצען בריאה, אבער איבערהויפט און בעיקר אויף די יודישע קינדער וואס ער האט זיי ארויס גענומען פון מצרים. און דעריבער אין יעדער אפ-האלט אדער צוריק-האלט וואס עס קומט אינטער אין עבודת ה', ווען **דער יצר הרע קומט איינרעדען דעם מענטש אז ער זאל ווערען נאכגעשלעפט נאך די גשמיות'דיגע תענוגים און תאוות, אויך**

**וועז מען רעדט פון אזעלעכע סארט זאכען וואס מען דארף זיי צו האבען, פונדעסטוועגען האט מען די כח זיך צו שטארקען אויפדעם, ווייל 'שטרי קודם'**, דער מענטש מיט אלע גשמיות, אלעס איז משועבד צום אייבערשטען, און דאס איז די אמת'ע און ריכטיגע המלכה.

**נאך** ווערט דארט ערקלערט (ג.) אז ס'איז דא א אונטערשיט צווישען מלכי ישראל צו מלכי אומות העולם [און לויט איין אמורא (ח.) איז דאס מרומז אינעם משנה], די 'מלכי ישראל' ציילען צו חודש ניסן לגבי די קביעת פונעם נייעם יאהר אויף צו שרייבען שטרות, און פאר די 'מלכי אומות העולם' ציילט מען צו חודש תשרי. דער מקור דערויף איז טאקע פון פסוקים אזוי וויא עס ווערט דארט ערקלערט אין די גמרא, אבער פונדעסטוועגען טעמא בעי.

און מ'קען טייטשען בהקדם דאס וואס ס'שרייבט דער **המקנה** (קדושין לב:) מסביר צו זיין דאס וואס ס'שטייט אין די גמרא (ברכות נח.) 'הרואה מלכי ישראל אומר ברוך **שחלק** מכבודו ליראיו, מלכי עובדי כוכבים אומר ברוך **שנתן** מכבודו לבשר ודם', ווייל ביי די מלכי ישראל איז די מלכות נישט זייערע נאר פונעם אייבערשטען, און זיי האבען כביכול א חלק דערין, ווייל נשמת ישראל איז א חלק אלוק ממעל, און אויף זיי קען מען זאגען 'שחלק' מכבודו ליראיו [טאקע געוויס כלפי מעלה איז נישט שייך קיין 'חלק' - טייל בכלל, נאר דאס איז א צמצום וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, אז ס'זאל זיין א מלך ישראל - וואס דורך איהם ווערט מתגלה כבוד שמים], מה שאין כן 'מלכי אומות העולם' זענען נישט קיין חלק - טייל פון מלכות שמים, און

וועז דער יצר הרע קומט איינרעדען דעם מענטש אז ער זאל ווערען נאכגעשלעפט נאך די גשמיות'דיגע תענוגים און תאוות, אויך וועז מען רעדט פון אזעלעכע סארט זאכען וואס מען דארף זיי צו האבען, פונדעסטוועגען האט מען די כח זיך צו שטארקען אויפדעם, ווייל 'שטרי קודם'.

דעריבער מאכען מיר א ברכה אויף זיי 'שנתן' [טאקע זייער מינוי איז פונעם אייבערשטען, ווייל אפילו ריש גרגותא משמיא מוקמי ליה, אזוי וויא ס'שטייט (דהי"א כט, יא) 'והמתנשא לכל לראש' (ב"ב צא:), און אוודאי א מלך וואס ס'שטייט (משלי כא, א) 'פלגי מים לב מלך ביד ה' על כל אשר יחפוץ יטנו', ווייל די הנהגת ה' איז דורך די מלכים און שרים, אבער זייערע הנהגה און זייערע מלכות ווערט גערעכנט וויא א באזונדערע זאך פון מלכות שמים].

**און** לויט דעם קען מען פארשטיין פארוואס האט מען נישט געוואלט באשטימען דעם דאטום פון 'אחד בתשרי' צו דער טאג וואס מען ציילט דערין די מלכי ישראל, וויבאלד אז די 'מלכי ישראל' האבען א חלק פון מלכות שמים, און ראש השנה איז די המלכה בלויז פונעם אייבערשטען, אן קיין שום אנדערע זאך דערצו. אבער דאס וואס מען ציילט דערין פאר די 'מלכי אומות העולם', דארף מען בכלל נישט חושש זיין, וויבאלד 'דלאו מינה לא מחריב בה' (זבחים ג.), ווייל זייערע מלכות האט נישט קיין שייכות צו מלכות שמים, און ס'איז נאך ווינציגער פונדעם וואס מען זאגט 'מלך אביון', ווייל דאס איז ענדליך צו א שטעקען וואס דערמיט פירט דער אייבערשטער די וועלט, און ס'איז נישט דא דערין קיין חשש צו א סתירה צו מלכות שמים.

**נאך** שטייט דארט (ב.:) 'מלך שעמד בעשרים ותשעה באדר, כיון שהגיע אחד בניסן עלתה לו שנה, הא קמ"ל יום אחד בשנה חשוב שנה', און פונדעם לערנט מען ארויס אויפ'ן גרויסקייט פונעם טאג פון ערב ראש השנה - אז מ'קען דעמאלט מתקן זיין אלע טעג פון אגאנץ יאהר (עי' ליקוטי הרי"מ ר"ה-

אויב מען איז ממליך דעם רבונו של עולם אזוי וויא ס'דארף צו זיין אין ראש השנה - איין טאג, מ'איז ממליך דער אייבערשטער גוט אין די ביינער אריין, בבחינת 'כל עצמותי תאמרנה', דעמאלט בלייבט די המלכה און עס האט א שטארקייט אויף אלע טעג פון אגאנץ יאהר.

ערב ר"ה, וראה חיי אדם כלל קלח) [דאס האבען מיר שוין פארשפילט, און אויף להבא האפען מיר אז דאס וועט נישט זיין שייך צו אונז, ווייל בסיעתא דשמיא אין יאהר תשפ"ג וועט מען זיך אויפירען אזוי וויא ס'דארף צו זיין במשך פונעם יאהר, און מיר וועלען נישט דארפען ווארטען ביזען לעצטען טאג אלעס צו פארעכטען]. אבער ס'שטייט אין די גמרא (ב:) אז 'יום אחד בשנה חשוב שנה' גייט אויך ארויף אויף אנהייב יאהר, אפילו אויב ער איז געווען א מלך אפילו נאר איין טאג, ציילט מען א יאהר. און וואס מען לערנט ארויס דערפון איז, אז **אויב** מען **איז ממליך דעם רבונו של עולם אזוי וויא ס'דארף צו זיין אין ראש השנה - איין טאג, מ'איז** ממליך דער אייבערשטער גוט אין די **ביינער** ארייף, בבחינת 'כל עצמותי תאמרנה', דעמאלט בלייבט די המלכה **און עס האט א שטארקייט אויף אלע טעג פון אגאנץ יאהר**, און אגאנץ יאהר איז א יאהר פון המלכה, ווייל ראש השנה איז משפיע אויפ'ן גאנצען יאהר (ועי' שפתי צדיק לר"ה אות ח ואות יא).

**נאך** שטייט דארט אין די סוגיא (ב:) אז אויב 'אימנו עליה מאדר' - אויב די שרים האבען אפגעמאכט איהם צו באשטימען אין חודש אדר, און ער האט נישט געקעניגט ביז אחד בניסן, רעכנט מען נישט קיין יאהר ביז ס'וועט קומען ניסן. א גרויסע זאך לערנען מיר דא ארויס, ס'דא אטייל מאהל וואס דער מענטש וויל, און ער טראכט מחשבות צו טוהן עפעס, און ער זאגט אפילו דאס וואס ער וויל טוהן, פונדעסטוועגען דארף ער וויסען אז 'אימנו עליה' איז נישט קיין מלכות, און וויא **לאנג דער מענטש וועט** נישט שפירען אז דער מלכות פונעם

וואס מער דאס פארשטעלעכטץ איז גרעסער, דארט האט דער מענטש די מעגליכקייט צו אנטפלעקען און עס ווערט באמת אנערקענט כבודו ית"ש.

**אייבערשטען איז אויף איהם, און ער וועט מקיים זיין מלכות ית"ש בפועל, וועט עס נישט ווערען אנגערופען אז ער האט ממליך געווען אויף זיך דעם מלכות פונעם אייבערשטען**, ווייל טאקע געוויס אויך אנדעם האט דער אייבערשטער געוועלטיגט אויף איהם אין יעדער צושטאנד, אבער מצד דעם מענטש איז ער איהם נישט ממליך אזוי וויא עס דארף צו זיין. דאס אלץ - כל הנ"ל זענען 'הילכתא גבירתא' וואס ווערען ערקלערט אנהייב מסכת ראש השנה וואס זענען נוגע צו ממליך זיין דעם אייבערשטען.

**אט** ליל ראש השנה און יום הכיפורים פירט מען זיך צו זאגען קאפיטעל כ"ד אין תהלים - 'לדוד מזמור', וואס איז מסוגל אויף פרנסה [אזוי וויא ס'שטייט פון **אריז"ל** אז ער האט אויסגעלערנט זיין בני היכלא דאס צו זאגען ליל ר"ה מיט כוונות, כדי אז זייערע הערצער זאלען זיין פריי אגאנץ יאהר אויף תורה און עבודת ה'. און איך האב געהערט פון מיין טאטע - **כ"ק אאז"ל** אז ס'שטייט פונעם חידושי הרי"ם זי"ע אז ס'דא איין קאפיטעל אין תהלים וואס איז מסוגל אויף פרנסה, און לויט וואס ער האט מברר געווען און אויסגעפארשט איז דער כוונה אויף קאפיטעל 'לדוד מזמור'].
און אין סוף קאפיטעל זאגט מען 'מי הוא זה מלך הכבוד ה' צבקות הוא מלך הכבוד סלה'.

**און** מ'קען טייטשען דעם באדייט פון 'מלך הכבוד', לויט דאס וואס **הרה"ק די רבי פון לובלין זי"ע** האט געשריבען (זאת זכרון לפר' כי תבא עה"פ ובאו עליך כל הברכות) צו טייטשען אז 'כבוד' מיינט דעם עולם הזה, אזוי וויא עס האבען געזאגט די בני לבן אויף יעקב (ויצא לא, א) 'ומאשר לאבינו עשה את

אלע גשמיות'דיגע זאכען וואס געפינען זיך אויף די וועלט, דייקא דורך זיי קען מען אנטפלעקען כבוד שמים, מיט דעם אז דער מענטש ווייסט און געדענקט פונעם רבונו של עולם, און ער לעבט מיט איהם, און ווען ער דארף זיך באשעפטיגען מיט גשמיות'דיגע ענינים, ווייסט ער וויא אזוי ער דארף זיך פירעהן, און ווען ער דארף נישט איז ער מוותר אויף די גשמיות, מיט דעם אנטפלעקט מען כבודו ית"ש אויף די וועלט. און דאס איז די אמת'ע המלכה פונעם 'מלך הכבוד'.

כל הכבוד הזה', און אט ווייסען מיר אז יעקב האט נישט געהאט קיין שום כבוד אין בית לבן - נאר פארקערט גאר, נאר 'כבוד' מיינט נכסים (עי"ש בתרגום), און וויבאלד אז אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפען, האט ער דאס נישט באשאפען נאר לכבודו און לקילוסו אזוי וויא ס'שטייט אין פסוק (ישעיה מג, ז) 'כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו', און אט אויבען אין הימעל קען מען נישט אנטפלעקען כבודו ית"ש, אזוי וויא ס'שטייט 'איה מקום כבודו', און נאר דא אויף די וועלט אין עולם הזה - 'מלא כל הארץ כבודו' (ישעיה ו, ג), ווייל וואס **מער דאס פארשטעלעכטץ איז גרעסער, דארט האט דער מענטש די מעגליכקייט צו אנטפלעקען און עס ווערט באמת אנערקענט כבודו ית"ש.** און דאס איז די באדייט פון 'מלך הכבוד', אז מ'געבט אלעס איבער פאר'ן אייבערשטען, און מ'איז איהם 'ממליך' אויף אלע גשמיות און אויף אלע עניני עולם הזה.

**אנהייב** קאפיטעל שטייט 'לה' הארץ ומלואה', רש"י פארטייטשט נישט דעם טייטשט פון דאס ווארט 'ומלואה', דער רד"ק טייטשט אז ס'גייט ארויף אויף די באשעפענישען וואס געפינען זיך אויפ'ן ערד - לבריות שעל הארץ, אבער וויא טייער זענען די ווערטער פונעם מצודות [וואס די צדיקים זי"ע האבען מחשיב געווען זיין פירוש] וואס טייטשט 'ומלואה - **כל הדברים שהארץ מלאה מהם', ד. ה. אלע גשמיות'דיגע זאכען וואס געפינען זיך אויף די וועלט, דייקא דורך זיי קען מען אנטפלעקען כבוד שמים, מיט דעם אז דער מענטש ווייסט און געדענקט פונעם רבונו של עולם, און ער לעבט מיט איהם, און ווען ער דארף זיך באשעפטיגען מיט**

וויא לאנג דער מענטש וועט נישט שפירען אז דער מלכות פונעם אייבערשטען איז אויף איהם, און ער וועט מקיים זיין מלכות ית"ש בפועל, וועט עס נישט ווערען אנגערופען אז ער האט ממליך געווען אויף זיך דעם מלכות פונעם אייבערשטען.

**גשמיות'דיגע ענינים, ווייסט ער וויא אזוי ער דארף זיך פירעהן, און ווען ער דארף נישט איז ער מוותר אויף די גשמיות, מיט דעם אנטפלעקט מען כבודו ית"ש אויף די וועלט. און דאס איז די אמת'ע המלכה פונעם 'מלך הכבוד'.**

**הרה"ק די רבי פון לובלין זי"ע** טייטשט (שם) דעם פסוק (תבא כח, ב) 'ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך', וואס לכאורה דארף מען פארשטיין דעם לשון 'והשיגוך', וואס ס'איז משמע כאילו ער אנטלויפט פון די ברכה און די ברכות לויפען איהם נאך און דערגרייכען איהם. נאר די כוונה דערפון איז לויט דעם וואס ס'שטייט 'הבורח מן הכבוד הכבוד רודף אחריו' (עי' עירובין יג: ותנחומא ויקרא ג (ראה פרדס יוסף שמות ד, ב אות א), ובספרים מובא בלשון הנ"ל), און 'בורח מן הכבוד' מיינט דער וואס דערווייטערט זיך פונעם עולם הזה און אנטלויפט פון די גשמיות, דעמאלט איז ער זוכה צו אלע ברכות, אז זיי לויפען איהם נאך און דערגרייכען איהם - והשיגוך. געוויס זענען מיר טאקע נישט אין די מדרגה, און מיר אנטלויפען נישט פונעם 'כבוד' - די גשמיות, אבער מיר בעטען אז מיר זאלען זוכה זיין אז ס'זאל מקיום ווערען די פסוק 'ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך', און מיר זאלען זוכה זיין זיך צו פירעהן וויא ס'דארף צו זיין אין די גשמיות'דיגע ענינים, מיט א שטענדיגע פארשטאנד אז דער אייבערשטער איז 'מלך הכבוד סלה'.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלען זוכה זיין ממליך זיין דעם אייבערשטען אזוי וויא ס'דארף צו זיין, און מיר זאלען זוכה זיין צו אלע ברכות.

דער וואס דערווייטערט זיך פונעם עולם הזה און אנטלויפט פון די גשמיות, דעמאלט איז ער זוכה צו אלע ברכות.